STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08195

# YUNG-BRAZIL

A. M. Lieberman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. מ. ליבערמאַן

# יונג-בראַזיל

## לידער און פּאָעמעס

אַרויסגעגעבן פון אַ גרופּע פריינד

ניו-יאָרק, נ. י.

1947

דו ווילסט וויסן מיין מיינונג וועגן בראַזיל ?

די גרעסטע שפּראַכן-קענער פון
דער וועלט האָבן נאָך ניט די
ווערטער פאַר די רייכטימער
וואָס בראַזיל פאַרמאָגט

# Yung Brasil

by A. M. Lieberman

Litho House, New York



א. מ. ליבערמאן

# קינדער-לידער

# בלימעלעך

עס שפּראָצן בלימעלעך
אין אַלע ווילדע ערטערלעך,
און עס וואַקסן יידישע קינדערלעך
אין אַלע פאַרוואָרפענע ווינקעלעך.

ווי שיין איר זענט יידישע קינדערלעך
אַז איר טראָגט אייערע יידישע קליידעלעך
און זינגט אייערע זיסענקע לידעלעך.

1931

## אַמעריקאַנער יידיש קינד

עס רייסט זיך פון דיר
מיין יידיש קינד,
דער אמתער יידישער
שטאָלץ.

כאָטש דו ביסט
שווער אין דער
שפּראַך
אָבער נאָענט קינדעריש
מיט דיין יידיש־האַרץ.

**1931**

# אַ יידיש קינד

מיין יידיש קינד,
דיין קלינגענדיקע שטים
דערמאָנט מיר פיל
און איך פאַרגעס אַ ווײַלע וואו איך בין.

וואָרום ווי קען בײַ מיר טײַערער זײַן
הערן דיר, מיין קינד, זינגען
פון מיין אַלטער און שטאָלצער היים,
די זיסע און שיינע לידער
וואָס צעגייען ווי אַ גוטער ווײַן אין מײַנע גלידער.

1931

## וואַנדערער

וואָס וואונדערט
דיר וואַנדערער,
וואָס דו האָסט
אין דער
פאַרסמאַליוועטער בלאָטע

אַ צאַרט
בלימעלע דערזען.
זאָל דיר ניט
וואונדערן, וואַנדערער,
וואָס דו האָסט
אויף דער ערד-קעניגרייך
אַ מענטשן דערזען.

# לייבעלע

שווייגט אַ ווײַלינקע, קינדערלעך קליינינקע
וועל איך זינגען, לידעלעך שיינינקע,
פון די קליינע לייבעלעך.
מיט די שאַרפינקע ציינדעלעך.
פון די קליינע לייבעלעך,
וואקסן אוים מלאכימלעך,
מיט גאָלדענע, קודלאַטע קעפּעלעך
אויף די שטאַרקסטע פּיסעלעך.

1933

## משהלע

איך קען ניט זיין
קיין פעדערל
פון א דארן
אפגעאקטען
פליגעלע.
איך בין
א קליין
פעדער־פוכעלע
פון דעם אייביקן
לעבעדיקן טייבעלע.

1933

# יאַנקעלע

מיין ברודער יאַנקעלע
ווער דו ביזסט
און וואָס דו טוסט,
ווײַס ווער דו ביסט,
צו וועמען דו געהערסט.

1933

## יצחקל

ערשט קינד:

יצחקל, יצחקל,
יצחקל דער קלײנינקער,
אַ פֿאַרשײַטער שטיפֿער,
אָבער דאָך אַ װאױלינקער.

צװײט קינד:

מאַכט קינדערלעך אַ װאָרע,
יצחקל קומט באַלד
אַ ליד װעט ער זינגען
פֿון פֿעלד און װאַלד.

יצחקל:

איך בין געקומען
קינדערלעך צו אײַך
מתנות, פֿאַנען געבראַכט
פֿאַר אַלעמען גלײַך.

כאָר:

מיר נעמען די מתנות
פון דיין אייגענער האַנט
און זינג אונדז דאָס ליד
פון פעלד און וואַלד.

יצחקל:

פריי זינגען די שמעטערלינגען
אין גרינעם שמעקענדיקן וואַלד —
געבענטשט זענען די הענט.
וואָס אַרבעטן אין פעלד.

כאָר:

שנעל קינדערלעך אין ראָד
מיט יצחקלען אין מיט,
און מיר זינגען צוזאַמען
דאָס פריילעכע ליד.

**1933**

# משפחה - לידער

## מאַמע-חנה

קינדער, קינדער,
קינדער מיינע,
געדענקט די ווערטער
פון דער מאַמע חנת,

ווייל אַ מאַמע
איז דאָך איינע.
שענקט יעדן קינד
א ים מיט ליבע.

איר זאָלט קינדער וויסן און געדענקען
ווי שווער איר זייט מיר אָנגעקומען.
ניט אַזוי שווער אייך צו געבוירן,
ווי אייך צו לערנען און דערציען.

איר זייט געווען
יינגלעך פֿאַרשייטע,
ווי די ציגן
אין אַלע גאָרטנס געשפּרונגען.

עפּל, באַרן רייסן,
פֿון אַלע בעז-בוימער
צווייגן ברעכן.

פֿון דעם חדר פֿלעגט איר אַנטלויפֿן,
אַ גאַנצן טאָג אין טייך זיך באָדן.
דערפֿאַר פֿלעגט איר אייער לוין באַקומען —
פֿון טאַטן גוט-גוט געשמיסן.

אייער מאַמע חנה פֿלעגט וויינען, בעטן,
דעם טאַטן גאַראַנטירן
אַז פֿון הייַנט אָן און ווייטער
וועלן אירע יינגלעך פֿאָלגן טאַטע-מאַמע
און זיין גלייך מיט לייטן.

און איר, מיינע טעכטערלעך, די שיינע,
גאַנצע טעג זיך פּוצען אין די שפּיגלען,
ניט וועלן אַ וואָרט צו לערנען
נאָר אַרומטאַנצן און שפּרינגען.

מיינע טעכטערלעך געטרייע,
ווען איר פלעגט אין די פרייטאָג-צו-נאַכטסן
צום טאַטנס קידוש פאַרגעסן קומען,
פלעג איך פאַרן טאַטן אַ תירוץ אויסגעפונען,
ער זאָל אויף אייך מיטן קידוש וואַרטן.

און איצט ווען איר זייט אויסגעוואַקסן,
הערט אויס וואָס די מאַמע
טוט פון אייך בעטן און פאַרלאַנגען,
אַז איר זאָלט שטענדיק זוכן
מיט יידישע יינגלעך און מיידלעך צו פאַרברענגען.

ווייל די פרעמדע האָבן אונדז
קיין כבוד קיין מאָל ניט געבראַכט,
נאָר פאַרקערט, זיי האָבן שטענדיק
אייער טאַטע-מאַמע גרויסע ליידן פאַרשאַפט.

איצט, קינדער, ווען איר טוט זיך
איבער דער גרויסער וועלט צעפאָרן און צעפליען
טראָגט מיט שטאָלץ דער מאַמעס נאָמען
און פלאַנצט איר לערע מיט ליבע.

1947

## שוועסטער

שוועסטער מיינע צוויי,
אסתר, אָסנע.
אומגעקומען אומשולדיק
זיינען זיי.

מיט מאַן און קינד
און האָב און גוטס.
די מערדער האָבן זיי אומגעבראַכט
אָן דעם קלענסטן זיפֿץ.

אסתר האָט געקעמפט אין די עס-ערן,
סאָציאַליסטישע רייען,
קיעוו, ראָוונע, ברעזנע, —
געפלאַנצט מיט ליבע אירע אידייען.

אסנע פאַרמאָגט האָט די גאונות
פון די זיידעס, די געשמיסענע שאפּיראס.
דיין געזיכט האָט שטענדיק געלויכטן.
דער באָבע חיה־שרהס ירושה
פון סלאַוויטער ש"ס־גדלות.

ווער עס פלעגט
אין דיין געזעלשאַפט זיין,
איז געווען מער צופרידן
פון עסן און טרינקען דעם בעסטן וויין.

מענטשן פון אַרומיקע שטעט
פלעגן קומען מיט דיר זיך צו באַקענען
און ברענגען זייערע קינדער
אַז דו זאָלסט זיי דערציען.

און דיין האנט געטראָגן
די שטאָלצע פאַמיליע-פאָן
פון הונדערטער יאָרן,
וואָס האָט געפלאַטערט אין וואלין
באַשטראַלט דאָס גאַנצע יידענטום.

אסנע, די צווייטע פון רעכטס



אין אַ קדשי-קדשים,
אין לעמבערגער יידישן שפּיטאָל,
ווי אַ כהן-גדול ביי דער עבודה,
פאַר מענטשן-רעטונג
ביסטו געשטאַנען און געאַרבעט דאָרט.

זינט דער מענטשהייט־אַנטשטייאונג,
די שוידערלעכע בעסטיע,
דיין הייליקן
לעבן פאַרציקט.

שוועסטער מיינע טייערע,
עס העלפט מיר ניט קיין טרייסט
וואָס איך בין ניט אין מיין פאָלק איינער.
דער ווייטיק איז נאָך גרעסער
וואָס אין די זעקס מיליאָנען קדושים,
האָט יעדער ייד זיין באַזונדערן טרויער.

די פעדער טוט דאָס שוועסטער־ליד
פאַרענדיקן שרייבן.
אין די נשמות פון די ברידער און שוועסטער
הייבט זיך אָן וועגן אייך
אַ נייע ערא וועבן.
ניו־יאָרק, 1947.

# דער משפּט

# אין רחמים בדין

## 1

איך שטיי ביי דיין טיר.
איך טו צו זיך אַ קלער :
אוי ברודער,
וואָס איז געוואָרן פון מיר ?

אַ דייטשישער ייד בין איך,
אַ וועלט קיניגרייך געבויט.
דעם מענטשנס נשמות
מיט דער אומשטערבלעכער לערע באַגרינדעט.

רוים, ירושלים האָב איך געשריבן,
דעם לאָזונג פון מענטשן-גלייכהייט
האָב איך אויפגעהויבן.

2

פּאָליטישע עקאָנאָמיעס
האָב איך געבויט.
כ'האָב דער מענטשהייט אַליין
פרייהייט געטרויט.

פיל סודות דערציילט,
אין די הימלען,
אין דער לופט
נייע וועגן געוויזן,
דעם ערד-קוגל אויסגעמאָסטן.

3

פֿיל מאָל הינטער ווייערע מאַנטלען
זיך באַהאַלטן.
מיין אייגענעם שטאם
און נאָמען פֿאַרגעסן.

4

גלויב מיר, ברודער,
אַז מיט וואָס פאַר אַן אַש
די קויל איז באַדעקט
און עס איז אין איר דאָ אַ גליענדער פונק,
אַזוי האָט אין מיין נשמה
געבליט דאָס פינטעלע ייד.

ביי יעדן ריר
פון דעם קלענסטן קלאַנג,
פלעגט מיין האַרץ אַ ציטער טאָן
מיט גרוים באַנג.

## 5

עס פּלעגט זיך דיר אַמאָל אויסווייזן
אַז איך בין ביי זיך גרויס,
טו פון זיך בלאָזן,
מיט דיר וויל איך
געמיינזאמס נישט האָבן.

ווער דו ביסט געוועזן,
ביסטו מיר פאַר אַ ברודער אָנגעשטאַנען,
נאָר מיין אויסערלעך לעבן
האָט מיר דערצו געצוואונגען.

פונקט ווי איצט
וואָס מיין לעבן איז פינצטער
ווי אין אַ הערבסטיקער,
פוילער, חשכדיקער נאַכט,
דאָך וויל מען
מיין רוף-שטים דערדריקן
ווי אַמאָל ביי די געקויפטע קנעכט.

## 6

צווישן די בערג פעלדזן
האָב איך זיך געוואַלגערט פאַרשמאַכט,
אַ דונער-בליץ האָט אַ קנאַק געטאָן :
וואך אויף לײדענדער !
כ'האָב דיר ענטפער פאַר דײנע לײדן געבראַכט.

7

פון גרויס איבערראַשונג
זיינען מיינע געדאַנקען
פאַרגליווערט געוואָרן.
פיל שעהן איז אַריבער
ביז איך האָב זיך
באַגאָסן מיט טרערן.

פון אַ לעטאַרגישן שלאָף
האָבן זיך מיינע ברעמען פאַנאַנדערגעעפנט.
אַ געשטאַלט פון מיליאָנען זונען
האָבן מיינע אויגן דערזען.

מיינע שוואַרצאַפּלען
זיינען מיט איין מאָל שטיין געבליבן.
די ליפּן האָבן אַ וואָרט
נישט געקענט ארויסרעדן.

8

איך בין דער וועלט באַשעפער!
איך באַפעל!
עפן דעם אייביקן ספר,
לייען פאַר דער מענטשהייט
די אייביקע ווערטער!

## 9

דייטשלאַנדס אונטערשריפט
מיט בלוט אונטערגעשריבן.
מיליאָנען מענטשנס לעבנס
אין קריג אַוועקצורויבן.

בריסל, רוסלאַנד, ווערדון, פּשעמישל,
טשאַרטאַריסק, דווינסק, בריסק,
קאַרפּאַטן, לעמבערג, קאָוועל,
סערביע, טורציע, אַליק.

פון אומעטום די פאַרדומפּענע קולות
פון קוילן גאַזן.
אין די קערפּערס
די אויען, די אָטעמס פאַרבליבן.

אָט די אַלע פאַרדומפּענע קרעכצן,
די אַלע צעריסענע אברים
זיי מאָנען: דייטשלאַנד, דייטשלאַנד!
באַצאָל דיין חוב
מיט בלוט אונטערגעשריבן
אונדזערע לעבנס אַוועקצורויבן.

## 10

איך בין דער בורא-עולם,
קיין זאַך ווערט פון מיר נישט באַהאַלטן.
אין די הימלען,
אויף דער ערד,
אין די טיפסטע ים-אָפּגרונטן.

גיי, מיין אייביקער שליח,
צו אַלע פעלקער פון דער וועלט.
זאָג אין מיין נאָמען
אַז דייטשלאנדס טאָג
דערנאָענט זיך,
וואָס פון אייגענעם פלאַם-פייער
וועט זי ווערן פאַרברענט.

## 11

רבונא-של-עולם, גערעכטיקייט פון דער וועלט —
באַפריי מיר פון דער שליחות,
שיק מיט אַ צווייטן
אָמאָגן אַזעלכע בשורות.

פאַר וואָס קומט מיר,
דעם ייד, די שטראָף,
אַז איך זאָל אַ פּאָלקן
דעם שרעקלעכסטן אורטייל ברענגען.

12

דו ביסט דאָך אַ גאָט פון רחמים
קען מען דען אַ גאַנץ פאָלק
אורטיילן
פאַר איינצעלנע זינד ?

דו האָסט דאָך
פון מיר די ווערטער געהערט,
קיין זאַך ווערט ביי מיר נישט פאַרפאלן.
קינדער מוזן
פאַר זייערע עלטערנס זינד באַצאָלן.

דו ביסט נישט דער שליח
דעם אורטייל אויסצופירן,
נאָר צו וואָרענען,
די ווערטער צו זאָגן.

## 13

עס קומט שוין דער טאָג,
דער אורטייל אויף דער וואָג־שאָל.
דייטשלאַנדס אומפאַרמיידלעכער אונטערגאַנג.

14

איך בעט דיך גאָט געטרייער,
מאַך פון מיר נישט
קיין געוועו
אין שאָטנס-הענט.

דו ביסט נישט קיינעמס געווער,
זייערע אייגענע שאָטנס —
די ווילהעלמס, היטלערס,
זיי וועלן אָנצינדן
זייער אייגענעם פייער.

מעפיסטא, רייט דאָרט גוט,
פאַרציט יעדער מינוט
שטארקער דעם שטריק —
דעם אומפאַרמיידלעכן טויט-גיפט.

15

דערבאַרמדיקער גאָט!
צי קען מען אַ פֿאָלק אומברענגען
וואָס האָט דער מענשהייט,
אַזויפֿיל נוצן געבראַכט.

16

כאַ-כאַ-כאַ- כאַ, כאַ, כא, כא, !
נוצן, נוצן געבראַכט!
די גרעסטע האַרמאָטן,
גיפּטיקע גאַזן, —
דעם טייוול
פאַר דער מענטשהייט געמאַכט.

17

גענוג, גענוג, מעפּיסטאָ, גערימען
איבער ן מענטשנס האַלדז־און נאַקן,
גאָטס נאָמען
שוין באַלד אין גאַנצן פאַרגעסן.

די מענטשהייט
האָט שוין באַלד פאַרגעסן מיין וואָרט,
אָנגעהויבן גלויבן
אַז מעפּיסטאָן געהערט שוין די ערד.

## 18

אָ! די היטלערס, ווילהעלמס,
די נבלות סריחות,
זיי האָבן זייער לאַנד
איבערגעגעבן צו די אַלדע רוחות.

דורך זייערע הענט
מוז דייטשלאנד
אין פלאם-פייער,
אויף אַש ווערן פאַרברענט.

פון דייטשלאַנדס קעניגרייך
מוז זיך מאַכן
פוך און פּראַך.

## 19

דיין שטאָלן האַרץ
וועט פֿון זשאַווער
אויפֿגעפּרעסן ווערן.

## 20

דיין אָנגעפּרעסענער קאַרק
וועט אַזוי אויסדאַרן
אַז קיין פליג
וועט קיין פּיסל
נישט וועלן שטעלן.

אויף דיינע אַלע שליאַכן, וועגן
וועלן הורבעס נבלות ליגן
פאַרברענט, פאַרשמאַכט
פון דיינע גיפטיקע גאַזן.

## 21

דיין ערד וועל איך
מיט אַזאַ שטויב צודעקן
אַז טויזנטער יאָר
וועט עס נישט זען קיין אַקער אייזן.

## 22

פאַרנעפּלט, פאַרדעקט
מיט דעם שרעקלעכסטן טויט-שרעק
וועט דאָס לאַנד זיין צוגעדעקט.

ווינטן, אוראַגאַנען,
שטורעמס, קאַראַוואַנען,
וועלן טאַנצן
דעם שדים-טאַנץ
מיט דיר צוזאַמען.

23

איבער פֿרעמדע לענדער
וועסטו ווערן צעשאָטן,
אַ שטיקל ברויט
זיך אויסצובעטן.

24

דיין נאַמען דייטש
וועסטן זיך שעמען
אויסצוגעבן,
ווײַל מיט עקל
וועסטו ווערן באַשפּיגן.

25

צוריק צו דיין אורשטאם
וועסטו זיך מוזן אומקערן,
אַ גזלן, אַ ים-רויבער
וועסטו צוריק
ווי אַמאָל
אויף אײביק בלײַבן.

.1933

# סאָציאַלע לידער

# ים געליבטע

א מתנה מערי שניידער

ים, געליבטער מיינער,
שטאָל און אייזן,
פייער און פלאַם —
פאַר דיר ניט קיין צאַם.

ים, געליבטער מיינער,
מיט דער ערד טוסטו
ווי מיט אַ באַל שפּילן.
הערשער און לענדער
אין סעקונדעס טוען
ביי דיר פאַרשווינדן.

ים, געליבטער מיינער ,
אַ מיליאָן יאָר
ווי אַ נעכטן.
ניטאָ קיין זאַך
מיט קיין אייביקע ווערטן.

ים, געליבטער מיינער,
מיר האָבן געקאָנט אַ לאַנד
וואָס מען האָט דאָס גערופן ענגלאַנד.
איצט בלייבסטו, ים, דער עדות
אַז זי איז פאַרבליבן די וועלט־שאַנד.

ים, געליבטער מיינער,
איך האָב דיר
מיין פרויען־ליבע געשאָנקען,
ווייל איך בין זיכער
אַז דו וועסט די מערדער
פון מיין יידיש פאָלק
פון דער ערד אָפּשווענקען.

1947

# אַרבעטער ליד

## געווידמעט מיין ברודער אהרן

### 1

איך וועל דיר, אַרבעטער, זינגען דאָס ליד,
דערפאַר ווייל וויפיל דו אַרבעטסט,
בויסט און ווערסט
קיין מאָל נישט מיד.

די גרעסטע שטיינער־בערג,
דורך דיינע הענט אויף שטויב צעמאָלן,
טריקנסט אוים די זומפן,
גלייכסט אוים די טיפסטע טאָלן.

עס איז פאַר דיר נישט שווער
אונטער דעם דעק פון ים קאַנאַלן
צו גראָבן, בריליאַנטן צו זוכן,
די נאַטור צו באַקעמפן, דער מענטשהייט צו באַרייכן.

## 2

אין דער לופטן פליסטו פון מינוט צו מינוט
אַלץ העכער און ווייטער, וואו קיין פויגל איז דאָרט
נישט געפלויגן אזן קיין מענטשנס אָטעם האָט דאָרט
אין לעבן נאָך ניט געאָטעמט.

מיט דער הילף פון די שטאָלענע פליגלען,
וואָס זיינען דורך דיינע הענט געמאַכט געוואָרן
מיט דיין שטאַרקן אייזערנעם ווילן,
שניידסטו די לופט און פירסט דורך אין דער לופטן די
נייע וועגן.

דו ביסט דער אונטערוועגנס-קעניג
פון דער גרויסער מעכטיקער וועלט,
וואָס דיין פאָן פון אַרבעט פלאַקערט
מיט שטאָלץ מיט ווערדע איבער גאַרער וועלט.

1931

# דער בינשטאָק

ניו־יאָרק, דו ביסט
דער בינשטאָק פון דער וועלט.
עס איז איבערפולט
מיט האָניק דיין געצעלט.

ווי די בין האָט אירע
וועקסענע שטאָקן געבויט
אין אירע צימערן פון דעם בעסטן בלומען־זאַפט
מיט האָניק אָנגעפילט,

אַזוי האָסטו מיט דעם שוויים
פון דיינע אַרבעטער־הענט
דיין שטאָט געבויט
אין אַ שטיין־פעלדז אַוועקגעשטעלט.

מיט דיינע אייגענע הענט
די שטיינער אין שטאל צעשמאָלצן,
און פאַרשיידענע שטייגן
פון שטאָל געפלאָכטן.

אויף דער ערד און אונטער דער ערד,
אויפן וואַסער און אונטערן וואַסער
דיינע שטאָלענע שטאָקן געבויט,
דיינע וועגן געמאַכט.

דיינע שטאָלענע שטייגן יעדע מינוט
ווערן מיט מענטשן איבערגעפילט,
און יעדער באַזונדער ווערט
איבער אַלע עקן פון ניו־יאָרק צעפירט.

ווי די בין אין מײַ
טוט פליען און זשומען
וואַקס צו קלייבן, האָניק־צו זויגן
פון אַלע בעזן און בלומען,

אַזוי טוען דײַנע קינדער
אַ גאַנץ טאָג לויפן און יאָגן,
צו ברענגען זייער חלק
פאַר דעם ניו־יאָרקער פרידן.

מיט דעם רויך פון די קוימענס
פון דײַנע פאַבריקן,
טוסטו מיליאָנען מענטשן לעבענס
זייערע נשמות דערקוויקן.

פון אַלע זייטן,
פון ים אַרומגערינגלט.
זינט די ערד־צעטיילונג
האָט מען דיך אַזוי געפּלאָנט.

דיינע שיפן אויפן ים און אין לופט,
וואָס זיינען דורך דיינע הענט געמאַכט געוואָרן,
טוען דעם ערד־קוגל
ביי טאָג און ביי נאַכט אַרומרינגלען,

צו ברענגען האָניק
פאַר דיינע קינדער,
און ווייזען דער וועלט
דיינע נייע וואונדער.

איך, די בין, האָב שוין מיליאָנען קינדער
מיט מיין האָניק זייער לעבענס געזיסט,
און טויזנטער יאָרן
אין דער גרעסטער פינצטערניש
האָט מיין וואַקס געלויכטן.

נאָך איידער מען האָט דיך,
ניו־יאָרק, אַ נאָמען געגעבן,
האָט מען שוין ביי אַלע קיסרי־מלכים
פון מיין האָניק געמאַכט די בעסטע מאכלים.

ניו־יאָרק, אויב דיר איז באַשערט —
מסתמא האָסטו די ווערט
אַז דו זאָלסט דעם נאָמען
"בינשטאָק פון דער וועלט" טראָגן.

טאָ זיי זשע די זאַמלערן —
פון וואַקס און האָניק
פון אַלע פעלדער פון דער ערד,
און צינד אָן פון דעם אמתן וואַקס
די פאַקלען פון ליכט.

גענוג, גענוג פינצטער.
דו הענגסט דאָך אויף זונען־שטראַלן,
טאָ העלף בויען די נייע וועלט
אויף אמתן פרידן.

זיי געגריסט, ניו־יאָרק,
העלף דער מענטשהייט טראָגן
די פאָן פון אַרבעט און פרייהייט
אויף טויזנטער, טויזנטער יאָרן.

1947

## בראדיאגא-ליד

### 1

מיין מאַמע האָט געזינגען:
שיין איז דאָס לעבן
פון קאַמף און ליידן.
מיאוס איז דאָס לעבן
פון ציטער און שווייגן.

ביי מיר, בראדיאגא!
די שטיינער — מיין קישן,
די ערד — מיין בעט,
דער הימל — מיין סופיט,
די וואָלקענס — מיין צודעק.

## 2

איר, מלכים, פרעזידענטן,
פֿאַרשטעלטע, מעלאַנכאָלישע אַגענטן.
אייער לעבן געבויט
אויף שטאָל, דינאַמיט, בעטאָן, —
און דאָך כאַפּט אייך אַ ציטער אָן.

מיין קאַמף, מיט אַלץ,
מיט גאָלד-מעטאַל
און שטיינער-גלאַנץ
מיט שטאָלענע שלעסער
פון אַ פּאָר מעטער וואוין-פלאַץ:

3

ווייל וואו מיינע אויגן פֿאַרקוקן
אַהין טוען די פּיס
דעם קערפּער פֿאַרטראָגן.
די זון גייט אַרונטער
דאָרט, טו איך זיך שלאָפֿן לייגן.

מיין ליידן פון דעם --
פון אמתער פרייהייט!
פֿאַר אַלעמען
מיט דער זעלבער ליבע
ווי צו מיין אייגענער מאַמע.

1933

## די מוטער פאַרלאָזט און דאָך מוטער

### 1

מיין קליין שיין יינגעלע,
ליגסט און שלאָפסט אין וויגעלע.
דיין מוטער האָט פאַרלאָזט איר זונעלע,
און איז אַוועק אויף דער וועלט זינגען אַ לידעלע.

איך, דיין פאָטער, וויג מיין זונעלע,
זינג אים פון זיין מוטער דאָס לידעלע,
ווי זי האָט פאַרראָטן איר מאַן און קינדעלע,
איז אַוועק שפּילן אויף דאָס ניי אַ ליבעלע.

ווען דו, מיין קינד, וועסט באַלד אויפוואַכן,
דו וועסט די ברוסט בעטן, פאַרלאַנגען,
וועסטו מוזן מיט מילך געמישט פון טרערן
דיין דורשט אַנזעטן,
דער מוטער-ברוסט פאַרבייטן.

### 2

אָבער ווען דיין מוטער וועט זיך צו דיר אַמאָל אומקערן,
בעטן ביי דיר אַנטשולדיקונג,
פאַר דעם פאַרראַט וואָס זי איז באַגאַנגען,
זאָלסטו מיט ליבע דיין מוטער עמפּפאַנגען.

וואָרום וואו דיין מוטער זאָל יעצט ניט זיין
זינגען, טאַנצן, פריילעך פאַרברענגען,
איז דאָך איר הארץ אויף שטיקער צעריסן,
אויף דעם אומרעכט וואָס זי איז באַגאַנגען.

1931

# דער פאַרראַטענער

## 1

איינזאַם פיל איך זיך אין דער
פאַררעטערישער וועלט.
אַ שווידער כאַפּט מיך אַרום
און ס'וואַרפּט מיך
אין היץ און אין קעלט.

אַז דו, מיין אויסדערוויילטע,
זאָלסט דיין געליבטן פאַרראַטן
און אויף אַזוינע
פּוסטע יונגען
זיך דערלויבן צו פאַרבייטן.

דו ביסט דאָך מיין
שטאָלץ, אידעאַל אימער געווען
און דיין געזיכט האָט פאַר מיינע אויגן געלויכטן
ווי די שיינע אדל-בלום
אין איר אייגענעם גאָרטן.

## 2

אמת, דו ביסט יונג און שטיפעריש
אָבער צי איז דאָס דערלאזבאר
אַז צוליב אַ שפּילקע בליאַסק, און אַ טענצ־ל
אין דער אייגענער ערע פאַרגעסן.

ניין, איך וויל ניט גלויבן
אַז דו ביסט די שולדיקע,
נאָר טייוואָלים אין מענטשן־געשטאלט
האָבן דיך פאַרנאַרט, און צו דער
אונמאָראַלישער שטופּע געבראַכט.

איך געדענק נאָך ווי מיר זענען
ביי אונדז אין שטעטל געוואַקסן.
פון קינדהייט אָן שיין, באַשיידן,
און דאָס שיכרות קיין מאָל ניט געקומען
אין זינען, זיך ווארפן יעדן אין די אויגן.

3

איך פיל מיט
דיין צעבראָכן געמיט,
ווי דו קלערסט
פון דעם זומפּ זיך באַפרייען וואָס דו ביסט
אַריינגעפאַלן אומזיסט.

מיט וואָס איך זאָל ניט ווען
מיינע געדאַנקען באַרואיקן, —
טעאַטער, פילם און פאַרשיידענע זאַכן,
אָבער די נשמה בענקט, נאָך דעם פריערדיקן לעבן
און עס לאָזט זיך ניט אויף קיין זאַך פאַרבייטן.

הער צו מיין געליבטע,
וואָס איז געשען — אַלץ אַריבער.
אָבער איצט
אַנטלויף פון דעם אָפּגרונט —
און מער ניט ווידער.

אין פאַל ווען דו וועסט זיך ניט אומקערן,
ווי סאַהאַראַ־ווינט וועל איך אַ שטורעם אויפהויבן
און ווי ניאַגראַ וואַסער־פאַל וועל איך אַ רויש טאָן,
אַז די גאַנצע פאַרברעכערישע וועלט וועט מוזן
פאַר דיין שולד אַ ציטער טאָן.

1931

# די פאַרפירטע ענטפערט
## 1

דורך אַ פאַרנעפּלטן וואָלקן
האָט זיך פּלוצים
אַ זונען־שײַן באַוויזן,
און מיר דער פאַרפירטער
אַ גרוס אָפּגעגעבן.

אַז מײַן געליבטער
לײַדט און בענקט,
און מיר מײַנע זינד געשענקט,
ווײַל ער האָט זיך
אין מײַן אומשולד באַדענקט.

אביסל צו שפּעט וועגן מיר
האָסטו זיך פאַרטראַכט,
און אין דער זעלבער מינוט
ביסטו געוואָרען נײַגעריק צו וויסן,
ווער ס'האָט מיך אַהער געבראַכט.

2

מיין אייגענער לערער,
מיין דערציער,
ער האָט מיך אין אַ פינצטערע נאַכט
מיט אַמאָל אָפּגענאַרט
און אין דעם טורעם-פעסטונג געבראַכט.

אין דעם טורעם-פעסטונג
זענען אויף מיר הינט אין מענטשן-געשטאַלט
אָנגעפאַלן. מיין קערפּער האָט מען צעקיילט
און מיט די ציין צעביסן,
און מיינע האָר פון קאָפּ אויסגעריסן.

איך האָב געמיינט, אַז מיינע קולות
וועלן די הימלען צערייסן,
און צו דער גאַנצער מענטשהייט דערגרייכן,
ווי בעסטיאַלישע חיות טוען,
אַ אומשולדיקן מענטשנס ערע פאַרשוועכן.

### 3

אָבער אומזיסט:
די נאַכט איז אין אַ וואָלקן-שלייער
געווען איינגעוויקלט,
און די שמערצלעכע ליידן חוץ
מיר האָט קיינער ניט געפילט.

און איצט קומען זיי,
די מאָראַל-קאָמעדיאַנטן,
מיט אַן אויסרוף ריינעם
און אין זיך האָבן זיי פאַרגעסן,
די נידערטרעכטיקע און געמיינע.

און ווי לאַנג איז דאָס געווען,
אַז זיי האָבן מיך פאַרגעטערט,
או פון מיר פאַרשיידענע בילדער געמאָלן
און אויף זייערע אָרעמס
איבער דער גאַנצער וועלט געטראָגן.

## 4

ערשט נעכטן ביינאַכט ...
האָבן זיי דאָך מיר פאַרשיידענע
פרויען־צירונג מתנות געבראַכט
און מיר האָבן צוזאַמען געשיכורט
און ביז טאָג פאַרבראַכט ...

און יעצט טוען זיי מיר
גאַסן־פרוי רופן ...
און פון זיך אָפּשטויסן
אין נאָמען פון פאַרשיידענע בלאָף־פריידיקער
פון אומריינעם געווויסן ...

דאָס לוינט זיי ניט צו געדענקען,
אַז פאַר אונדזער פליי‌ש און בלוט,
האָבן זיי פּאַלאַצן געבויט,
און פאַר אונדזער אומשולד —
האָבן זיי די קאַרדינאַלע פאַרמעגנס דעראָבערט.

5

יאָ, מיין געליבטער,
דו האָסט זיך אין מיר דערמאָנט,
און איך האָב דיך גלייך געענטפערט
קיין זאַך פון דיר ניט באַהאַלטן,
מיט מיין גאַנץ געהיימנים דיך באַקענט ...

דו פילסט מיט מיין צעבראָכן געמיט
און דו הייסט מיר פון אָפגרונט אַנטלויפן ...
אָבער, ווייז מיר דאָס אָרט —
אין דער וועלט
וואוהין מען קאָן לויפן.

ווייל איך בין דאָך ניט
קיין אומגליקלעכע איינע,
נאָר מיר זענען אין די מיליאָנען —
פאַרפירט און אָפגענאַרט
געוואָרן אַזוינע.

## 6

צו איז דען דאָ איין פּלאַץ אויף
דער ערד,
אין דער גאַנצער לענג און דער ברייט
וואו מען זאָל קענען עסן
אַ ריין פאַרהאָרעוועט שטיקל ברויט ?

ניין ! די גאַנצע וועלט
איז אין איין
שוואַרצן דעקטוך איינגעוויקלט
פון רויב און מאָרד
אין אייגענער ברודער-פאַרשקלאַפונג,

## 7

איז אויב, מיין געליבטער,
דו טרוימסט
פון מיין באַפרייאונג,
אַז מיין אומקער צו דיר
וועט זיין אויף אונדזער לעבן־באַנייאונג.

יאָ, מיין געליבטער,
אַ נייע זון פון מיין באַפרייאונג
האָסטו אויפגעהאַנגען,
נאָר זי איז נאָך
אַביסל מיט וואָלקנס באַהאַנגען.

אָבער דער נייער פרילינג
וואָס וועט קומען, וועט מיט זיינע ווינטן
זיכער די שוואַרצע וואָלקנס צעטרייבן,
און די נייע זון וועט מיט אירע שיינע שטראַלן
פון מיין באַפרייאונג איבער אַלע האָריזאָנטן שיינען ...

1931

## מאָרים שוואַרץ

דיין קונסט,
דעם דיכטערס געדאַנק,
די יידישע נשמה,
האַרמאָנירן צוזאַמען
ביי דיר —
אויף דער בינע .

1933

## וויקטאָר כענקין

דיינע טענער
טוען דעם צושויער
די געדאַנקען און געפילן
צוזאַמענשליסן.

שפּראַכן, קולטורן,
ווי טייכן,
אין דעם מענטשנס נשמה
טוען דורך דיין קונסט
מיט אַ מאָל זיך צופליסן.

1935

## בערטאַ זינגערמאַן

גבענטשט זאָל זיין די מוטער
וואָס האָט אַזאַ קינד געבוירן.
געלויבט זאָל זיין דער דור
וואָס האָט
אַזאַ קינסטלערין דערצויגן.

אין די טיפענישן פון דער פּאָעטישער נשמה
לאָזטו זיך אַרונטער,
און מיט דיין געבוירענער קונסט —
ברענגסטו זיינע געדאַנקען
פאַר דער מענשהייט געניסן.

ווי ניי געבוירן
ווערט דער פּאָעט
פון פאַרשיידענע פּעריאָדן און יאָרן,
אַז בערטא זינגערמאַן
נעמט אירע לידער און פּאָעמען דעקלאַמירן.

אין דער אומשטערבלעכער
ליטעראַרישער קייט
וועל איך דיין נאָמען איינשליסן,
כדי די צוקונפטיקע דורות
זאָלן פון דער דעראַבענער קינסטלערין וויסן.

1932

## זאָאָלאָגישער גאָרטן...

### 1

פאַרשיידענע פאַרביקע פעל
פון פערציק חיות-געשטאַלט,
טרעפן מיר אין גאָרטן
יונג און אַלט.

דער לייב, דער פאַרשקלאַפטער,
אין מיטן שטייט ער
דורכגעצויגן אַ גאָלדן קייטל
דורכן מויל און נאָז-לעכער.

ביי די זייטן די שלאַנגען
האַלטן די גאָלדענע קרוין,
און אַלע חיות פון גאָרטן
מוזן פאָלגן זייער באַפעל.

2

דער אַנדרויגינים, דער שעפּל-טרעגער,
האָט די חיות אַ ניי עסן געמאַכט.
פון אויסגעטרוקנטע מענטשן-ביינער
געפּרעגלט אין מאַרך.

דעם לייב איז דאָס נייע עסן
אַביסל ניט געפעלן געווען.
האָט ער פּאַר כּעס צווישן
די ציין אַ ברום געטאָן.

אַנדרויגינים אין נאָמען פון שלאַנג
מיט דער גאָלדענער קרוין,
באַפעל איך דיר, לייב, צו פרעסן
פון ראַשקע, און פאָלגן דעם הייליקן באַפעל.

3

דער בער האָט זיך ניט לאַנג,
אין דער קאַלוזשע אַ באָד געמאַכט
און האָט אויסגעצויגן די לאַפּעס
צו טרינקען אַביסל פאַרטראַכט.

מאַלפּעס האָבן מיר דאָ
פון אַלע עקן בראַזיל.
און יעדע איינע טאַנצט ביי זיך אין שטייג,
ווען נאָר דער געקרוינטער שלאַנג וויל.

עס שטייען צוויי גרויסע מאַלפּעס
אין ברילן פּאַרפּוצט.
און שרייבן אויף קרויטבלעטער פון ווייטנס
צום פינף־יאָריקן יובילייאום אַ גרוס.

## 4

דער העלפֿאַנט שטייט אָן אַ זייט.
ווייל ער איז די גרעסטע חיה פֿון אַלעמען,
און האָט קליינעם זאָרג, ווייל ער ווייסט
אַז מען וועט אים געבן אַלפאַלפֿע צו קייען.

פונקט איצט האָט דער געפלעקטער
אייזל געמאַכט אַ שפּאַציר,
אָנגעלאָדן מיט גאָרטן־רעקלאַמעס,
קריכט ער נעבעך אויף אַלע פיר.

עס שטייט אַ גרויסער פערד,
מיט אַ דיפּלאָם אויפן קאָפּ
און שמייסט מיט דעם וויידל
און כראַמטשעט מיליא פֿון זשאָלאָב:

5

דער אַלטינקער באָק
מיט דער ווייסענקער באָרד, —
אויך מיר אַ חיה, —
און טאַנצט אויך אין ראָד.

ביים עק אין שטעלכל
ליגט אַ גרויסער חזיר,
און צווישן די כשרה ראַקאַטיצעס האַלט ער אַ פּעדער,
און דאָס איז זייער שרייבער!

די הינטלעך, די לאַסירטע,
מיט די חיות לעבן זיי צופרידן,
אָבער ווען זיי דערזען אַ מענטשן,
ניט פון זייערע חברה-לייט הויבן זיי אָן שרעקלעך ביין.

## 6

דעם שוואַרצן ים־קאָטער
האָט מען אַזש פֿון ענגלאַנד געבראַכט,
צו באַפּוצן דעם גאָרטן
מיט זיין זאָאָלאָגישן פּראַכט.

די האַלב־ווילדע ראַסאָווע קאַץ דרייט מיט דעם וויידל
און לעקט מיט דעם צינגל,
און זוכט אַ נײַי טײַבעלע אויף צו דערשטיקן
מיט אירע גיפטיקע נעגל.

דאָס פּוקסל שפּרינגט און לאַשטשעט זיך
אַהער און אַהין,
אויף צו קאָנען כאַפּן נאָך אַ מענטשן־ביין
פאַר זיך אין די ציין.

## 7

און איצט האָט מען געבראַכט
צו גאַסט אַ נייעם מין טכויר,
און ער מאַכט אָן אַ שרעקלעכן עיפּוש,
וואָס גיט אַ זעץ יעדן אין די נאָזלעכער.

דער טשובאַטער פּאַפּוגיי,
קראַקעט אַ גאַנצע צייט צו זיי.
און די חיות ווייזט זיך אויס
אַז עס טוט אים עפּעס וויי.

די קוואַטשקע, די אַלטע
האָט אַביסל אין אירע הינדעלעך פאַרגעסן,
און האָט זיך צופּאַכעט מיט אירע פליגל
און אָנגעהויבן מיט אַמאָל קרייען אין גאָרטן.

אַ קאַנטאָרקע שאַרט זיך דאָרט
אַ גאַנצן טאָג אין מיסט,
און דערווייל כאַפּט זי אַריין
אַ ווערימל אין פּיסק.

לעבן גאָרטן אָפּגעצוימט, שטייען זעקס שעפּעלעך
און בעטן ביים אַנדרויגינים זאָל האָבן מיטלייד אויף זיי —
און געבן פאַר זיי און זייערע לעמעלעך
צוקייען אַביסעלע שטרוי.

## 8

אנדרויגינים, ער דער שלאַנג,
מיט דער גאָלדענער קרוין,
ער! האָט פאַרבאָטן עסן אייך געבן
נאָר אַביסל פאַרסמטע וואַסער צום טרינקען.

גייט צום שלאַנג
און אַפּעלירט צו זיין, האַרץ
אפשר וועט ער האָבן
מיטלייד אויף אייערע לעמעלעך.

שעפּעלעך, מיר קענען גוט דעם שלאַנג, און מער
פון סם האָבן מיר פון אים ניט צו דערוואַרטן,
און ער וועט דאָס ניט דערלעבן אַז מיר
זאָלן זיך פאַר אים קומען בוקן.

## 9

מיר וועלן נאָך דערלעבן זען דעם שלאַנג
די קרוין צעשטערט, די פעל אָפּגעשונדן,
און דאָס וועט גאָט נקמה נעמען,
פאַר אונדז באַליידיקטע.

און אייך חיות קענען מיר אויך זייער גוט,
אַז אייער גאַנץ לעבן לעבט
איר פון רויב פון די שעפּעלעך
און פאַרדאַרבט די יונגע לעמעלעך.

און עס קומט שוין דער טאָג,
וואָס מען וועט אייך צוריק צעטרייבן
אין אייערע שאַנד-פּלעצער —
אונטער די ערדישע הייזער.

**10**

ווייל אונדזער גאָט לעבט —
און מיר האָבן אונדזער מוט ניט פאַרלוירן.
און מיר וועלן פון הונגער
קיין מאָל ניט שטאַרבן.

מיר וועלן אין דער גרויסער וועלט
מיט אונדזערע לעמעלעך גיין גרעזעלעך קלייבן.
און מיר זענען זיכער אין גאָטס נאַטור
אַז מיר וועלן קיין הונגער מער ניט ליידן.

1933

# ראָמאַנטישע לידער

## פּערעלע

1

דיין געלעכטער, דיין געלעכטער
פילט אָן מיט פרייד אַלע הערצער,
ווייל פון די בעסטע מוזיק-טענער
קלינגט דיין געלעכטער העכער און שענער.

דו אַליין ביסט דאָך איבערפולט
מיט פרילינג צויבער,
און דיין פריילעכער געזיכט
ווי דער מאָרגענשטערן, זויבער.

פּערעלע, דו ביסט צוציענד
ווי אַ בליענדער בעז-בוים.
ווייל דיינע באַקן-גריבעלעך
זענען שטענדיק מלא-חן.

2

דיינע גליענדיקע שוואַרצאַפּלען,
ווי בריליאַנטן טוען זיי זיך מינען,
און דערפאַר טוסטו פון
אַלע בחורים, ליבלעכע וואונקען באקומען.

איבער פאַרשיידענע לענדער און קאנטינענטן
בין איך שוין דורכגעפאָרן,
אָבער אַזאַ לוסטיקע שטיפערן
ווי פּערעלע, נאָך ניט געטראָפן.

דערפאַר וועלן דיינע פייערדיקע קושן
שטענדיק מיין נשמה דערקוויקן,
ווייל דו ביסט ביי מיר פיל טייערער
פון אַלע מיינע אַמעריקאַנער גליקן.

1932

# ראָמאַנס

1.

היי בחור, דו בחור,
אידעאַל פון מיין טרוים,
באַווייז שוין דיין דרייסטקייט,
קום גלייך צו מיר אַהיים.

עס איז פאַר דיר
אימער אָפן די טיר,
אין גאָרטן, אין פּאַלאַץ,
איבעראַל — ביי מיר.

איך ליב דיינע מוסקולן,
די האַרטע ווי שטאָל,
קום שוין, לאָז הערן
דיין באַס־מענעריש קול.

2.

איך בין שוין אַ מיידל,
טאַקע צוואַנציק יאָר אַלט,
כ׳וויל מער ניט וואַרטן,
איך בעט דיר, קום טאַקע באַלד...

אויב דו וועסט
טאַקע באַלד ניט קומען,
אַ צווייטן, אַ דריטן
וועל איך נעמען,

דער וואָס וועט נאָר
קומען צו דער האַנט.
און דו וועסט מוזן בלייבן
אַן אַלטער בחור, קושן די וואַנט...

1931

# ד ו ע ט
## 1

זאָג מיר, חוה,
יונגע און שיינע פריילין
מיט וואָס פֿאַר אַ קראַפֿט
האָסטו מיין נשמה
געפֿאנגען.

ווען איך האָב דיר געטראָפֿן
און דו האָסט אויף מיר געוואָרפֿן
דיינע בלויע הימלשע אויגן
האָסטו גלייך מיין נשמה
צו דיר צוגעצויגן.

איך זע דיך פֿאַר מיר שטיין
וואו איך גיי און וואו איך שטיי,
סיי אין דרימל, סיי אין וואַך,
געדענק איך גוט דיין
שטיפֿערישן לאַך.

## 2

איך בין יעצט ווייט פון דיר פאַרפאָרן,
לאַנג וועט ניט דויערן,
איך וועל אַלץ פאַרלאָזן
און צו דיר מיין געליבטע
קומען צו פליען.

איך וועל מיין געליבטע
אין מיינע
אָרעמס דריקן,
אין טויזנטער מאָל
איר געזיכט קושן.

איך מיט מיין געליבטע
וועלן אין זומער-גאָרטן
פרילינג-בלימעלעך קלייבן,
פון קיין ליבע-שמערצן
מער ניט ליידן.

3

די פרעגסטן,
מיין געליבטער,
מיט וואָס פאַר
אַ קראַפט איך האָב דיין
נשמה געפאַנגען ?

די קראַפט פון ליבע
וואָס איז שטאַרקער
פון שטאָל און אייזן.
דערמיט האָבן זיך אונדזערע הערצער
באַהעפט און די נשמות צוגעצויגן.

יעצט ביסטו, מיין געליבטער,
אין דער ווייטער
וועלט פאַרפלויגן,
און וואַנדערסט אַרום און אַרום
ווי אַ בלאָנדזשענדער שטערן.

**4**

דו ביסט ווי דער וואַנדער־פויגל
וואָס שוועבט און זוכט
זיין זומער־נעסט אויסצופלעכטן,
צו קאָנען זיך מיט זיין געליבטער
דאָרט צו באַהעפטן.

איך שפּיל אויף מיין קלאַוויר
און זינג דיינע לידער,
וואָס זיינען ביי מיר
איינגעבאַקן אין האַרצן
און דערמונטערן
מיינע אַלע גלידער.

הערצו, מיין געליבטער,
מיין פאַרלאַנג, פאַרלאָז די וועלט
מיט אירע פּוסטע גליקן,
קום אַהיים צופליען
צו דיין געליבטער
איר האַרץ צו דערקוויקן.

1931

## וואַסער פאַל
(געזאַנג)

וואַסער, דו ביסט
די רייטערין
פון די טאָלן
איבער די בערג,
פון פייער־לופט
איבער דער ערד.

וואַסער! ווער ווייסט
פון וואַנען דו לויפסט
און וואוהין
דו וועסט פאַרלויפן.

וואַסער, איבער וויפיל
לענדער און קאָנטינענטן
וועסטו פאַרביי פליסן?

וואַסער, און וואָס פאַר
נאַטור־באַשעפענישן
וועלן פון דיר
טרינקען און געניסן?

וואַסער, צו וואָס פאַר פאַבריקן
פעלדער און וויינגערטנער,
וועט מען דיר אויסנוצן?

וואַסער! און פיליכט
דורך גרעסערע וואַסער־פאַלן
וועסטו די זעלבע וואַסער רייטן.
דערקענען, דערקענט מען דיר
קיינער ניט.

טו מיר צוליב, וואַסער,
און גיב איבער אַ גרוס
פון מיר דעם וואַנדערער
אין אַלע פּלעצער
וואו דו וועסט נאָר פאַרבייפליסן.

און פּילייכט אַמאָל
צוריק קומען אַהער
די זעלבע וואַסער און מיר דאָ
שוין ניט טרעפן,
ווייל איך וועל שוין זיין
אין דער אייביקער רו.

זאָלסט מיר, וואַסער, דערמאָנען,
אַז איך בין דאָ אַמאָל געווען
און צו דיר, וואַסער פאַל,
דעם איינביקן געזאַנג געזונגען.

1932

# אין אָנדענק

## צווײ שטערן

שטײַן געבליבן צװײ שטערן
אויף דעם בראַזיליאַנער האָריזאָנט.
אין מיניאַנע קאָלירן
שײַנען זײ פֿאַרן פֿאָלק.

אײנער די פֿעדער געטונקען
אין שװײס
פֿון פֿאַבריק, מענטש,
פֿעלד, אַקער־אײַזן.

דער צװײטער
אין די טראָפּנס פֿון ראַסע
געקליבן די זונען
אויפֿגאַנג־שטראַלן.

איצט — די קערפערס קאַלט,
די נשמות היים.
די געדאַנקען גליען,
די פּרוכטן בליען.

אין די טיפענישן
פון דעם מענטשנס נשמה
האָבן אייערע ווערטער
פלאַץ געפונען.
דערפאַר האָט איר
דעם מענטשס ליבע געוואונען.

איבער קאָנטינענטן
דער בעסטיע און פּרצוף געשפּיגן.
דעם בראַזיליאַנער פאָלק
פאַרהיט פון דער בעסטיע
געשעדיקט צו ווערן.

אייערע ווערטער זיינען געווען שטאַרקער
פון די גרעסטע קאַנאָנען־שאָסן ;
אייערע געדאַנקען זיינען געלאָפן
גיכער פון אַ הונער־בליץ זיך צו פאַרשפּרייטן.

דאָס בראַזיליאַנער פאָלק זאָל זיין געטרייסט
פון דעם טרויער.
זייערע נעמען וועלן זיין אַ סימבאָל פון פרידן
פאַר יעדן בראַזיליאַנער.

ביז וואַנען די וועלן פון ים
וועלן די ברעגן פאַרווילן,
און די בראַזיליאַנער ערד
וועט איר גרינעם שלייער טראָגן,

ביז דאַן וועלן די נעמען
פון קאָהילע נעטאָ, אומבערטאָ דע קאַמפּאָס
מיט ליבע זיין איינגעקריצט
ביי יעדן בראַזיליאַנער קינד אין זכרון.

1934

# ביים פרישן וואַנדערערס קבר

געווידמעט מיין פאַרשטאָרבענעם פריינד
משה קאַמעניעצקי

ביי דעם עלענדן וואַנדערערס
אָפענעם פרישן קבר,
שטייען מיר דאָ נידערגעשלאָגן
פון אַלע עקן וועלט-ברידער.

ערשט נעכטן האָט ער אונדז
וועגן זיין לעבן דערציילט,
ווי ער וואַנדערט די וועלט
אין דער לענג, אין דער ברייט.

און וואָס מיט אים
האָט איבעראַל פּאַסירט,
ווי זיין גאַנץ לעבן געבלאָנדזשעט
און אין דער פינצטער געזוכט.

די גרעסטע וועלדער אויסגעשניטן
אין פליטן זיי אויסגעבונדן,
און מיט דעם גאַנצן האָלץ
איבער טייכן און ימען אַליין געשוואומען.

דעם קליענטעלע-מסחר געפּרואווט,
ווי אַ בעטלער אונטער די טירן געקלאַפּט,
און מענטשן האָבן ביי אים געקויפט,
ווייל מען האָט אויף אים מיטלייד געהאַט.

געאַרבעט אַליין אין פאַבריקן, טראַמווייען.
פיל מענטשן באַזאָרגט מיט אַרבעט און עסן,
אָבער נאָך די אַלע גליקן
אין זיך אַליין שטענדיק פאַרגעסן.

נאָך דעם אַלעם ביים שטאָט-דענקמאָל געשלאָפן
מיט אַ פעקל חלומות צוקאָפּנס,
און מיט אַ פאָר היימלאָזע,
הונגעריקע הינט צופיסנס.

פּלוצים געקומען אין דער פרעמדער קאַפּיי,
דער גרויזאַמער שוואַרצער שרעקלעכער טויט,
און אַוועקגערויבט דעם עלענדן וואַנדערערס לעבן,
האַלטנדיק אין די ציין דעם לעצטן ביסן ברויט.

דאָס וואָלט אפשר אַזוי שרעקלעך ניט געווען,
ווען דו וואָלסט ביי אונדז געווען איינער,
אָבער צו מיין גרויסן וויטאָג זענען
די מערהייט פון מיין פאָלק היימלאָזע וואַנדערער.

ביז דאַן וועלן מיר אין אונדזערע נשמות
נאָך דיר וואַנדערער, טרויער טראָגן,
ביז וואַנעט אונדזער פאָלק וועט אונטער די פיס
אַן אייגענעם, געזונטן באָדן האָבן.

1932

# אויסגעלאָשן

(טרויער-ליד)

געווידמעט מיין פאַרשטאָרבענעם פריינט מנחם מענדל פּליט

אויסגעלאָשן, אויסגעלאָשן
דאָ אַ ליכט, פאַר דעם וואַנדערערס וועגן
אויסגעלאָשן, אויסגעלאָשן,
ניטאָ מיט וועמען אַן אמת וואָרט צו רעדן.

און אין טרויער, וואַנדערער,
זענען מיר געבליבן אַלע באַנאַנד,
ווייל די ערד האָט צוגעדעקט —
אונדזער איין און איינציקע ערלעכע האַנט.

אונדזער טיש איז פאַרשעמט געבליבן,
וואו מיר וואַנדערער פלעגן עסן קריגן,
אַן שטענדיקע טרייסט —
פאַר אונדזערע גרויסע ליידן.

ווער עס פאַרשטייט אונדזער צער,
קינדער פון די יידישע שולן,
דער דאַרף אונדז מיטפילן אונדזער ווייטיק,
דעם פריינד וואָס מיר האָבן פאַרלוירן,

מיט ליבע אין אונדזערע הערצער,
וועלן מיר דעם נאָמען מ. מ. פּליט טראָגן.
און אַ קרוין אויף אייביק, וועט ער
אין דער יידישער געשיכטע בלייבן.

1933

# נאַציאָנאַלע לידער

# התחיה! התחיה!

מיר הויבן אויף ציונס פאָן,
איבער בראַזיל — דער גרויסער,
דעם נאַציאָנאַלן פלאַם — צינדן מיר אָן
אין אַלע יידישע הערצער.

מיר זיינען דאָ שוועסטער און ברידער —
פון אַלע עקן וועלט.
אונדזער פאַרלאַנג איז דער:
וואָס שנעלער בעפרייען ארץ ישראל פעלד.

דאָס יידישע פאָלק וואָס
לעבט שוין טויזענטער יאָרן,
וועט מיט אונדזערע התחיה־זין,
אָנהייבן אויף דאָס ניי שטאָלצירן.

אין די "התחיה" רייען —
פילן מיר זיך שטאָלץ און גלייך.
גרויס און קליין,
אָרעם און רייך.

מיר חברים שיקן
אונדזערע ברידער—פון דער גאָרער וועלט לעבעדיקע גרוסן.
אַז דאָ אין בראַזיל הויבט אָן —
אַ ניי אידיש לעבן פליסן.

**1931**

## מכבי - מאַרש

ס'פלאַטערט און שיינט
די שטאָלצע מכבייער־פאָן,
פון דעם נייעם לעבן,
פון יידישע טעכטער און זין.

מיר גייען, מכבייער,
אין דער נאַציאָנאַלער קייט געשלאָסן,
מיט פולע ברוסטן
פון פרייד אָנגעגאָסן.

מען הערט שוין דעם קלאַנג,
פון דעם מכבייער־געזאַנג.
צום טריומף פון באַפרייאונג,
מיט אַ מונטערן גאַנג.

מיר שפּאַנען פאָרויס,
מיט שטאַרקע און זיכערע טריט.
מיט דעם רוף: פאָרויס! פאָרויס!
אין לעבן קיין מאָל ניט צוריק!

## קליענטעלטשיק-ליד

1

כ׳האָב פאַרלאָזט מיין לאַנד
וואו כ׳בין געבוירן,
געקומען בין איך אַ הער אויפן פוסטן פעלד
פאַרוואָגלט צו ווערן.

כ׳האָב דאָ ניט קיין שבת, קיין יום-טוב,
קיין היים, קיין פרוי און ליבע קינדער,
און דערפאר האָב
איך דאָ געליטן הונגער.

איך טראָג די פרעמדע סחורה
און ווער ביז דער ערד צוגעצויגן.
און בעט זיך ביי דער מאַריאַ
זי זאָל מיר אין פרעסטאַסאָן 1) גיבן צו לייזן.

2

אָבער אויף מאָרגן ווען איך קום צו דער טיר
און בעט די ענטראַדאַ 2) ביי איר
דער ענטפער פליט אויף שנעל צו מיר:
-ווייִ אימבאָרא 3) קום אַ צווייט מאָל אַהער.

כ׳האָב שוין פאַרשיידענע זאַכן געטאָן;
לאָטעריי-צעטלען, שירעמס און זאָקן
פאַרקויפט, און קיין זאַך ניט צום לעבן,
נאָר אַנגסט, צרות און ליידן.

נאָר איך האָב נאָך מיין
האָפענונג
אין מיין לעבן ניט פאַרלאָרן,
און מיין זון וועט נאָך צוריק שיינען
און פאַרשווינדן וועט דאָס שלעכטע און
דאָס גוטע וועט קומען.

1) אויף אויסצאָלן. 2) אויפגאַב. 3). אוועק פון דאַנען!

## דער קאַראַסיראָ •)

הערט אוים ברידעלעך,
כ׳וועל אייך זינגען לידעלעך,
פון קוואַטראָ 2), אירמאָנסער 3), יידעלעך,
ווי זיי קענען זיך בייטן
אין היינטיקע צייטן.

אין דער היים, אין פוילן,
האָט מען מיר געשופן
דער שדכן ר׳ יאָסע.
דאָ אין קוואַטראָ, אירמאָנס
האָב איך מיר אַ קאָלאָניע
מיט אַ אייגענער קאַראָסע 4).

האָב איך מיר אַ קאַראָסעלע,
פיר מאָלעלעך 5) אין מיטן
דריי עגוואַלעך 6) אין די זייטן,
זאָטל איך אָן מיין
באגוואלטשיקל 7) און טו אויף אים רייטן.

1) בעל-הגלה, 2-3) יידישע קאָלאָניעס, 4) אַ לאַסט-וואָגן, 5) מויל-אייזלען, 6) שקאַפּעס, 7) זשערעבעץ.

פיר איך מיר אין מיין קאַראַסעלע
ווייץ, מיליו 8) און פעזשאַן 9)
און מיין ווייבל שיינע סאָסיע
זיצט פון אויבנאָן.

גיכער, גיכער מולאַלעך
טרייסלט אייערע אויערלעך,
שוועבט און פליט ווי אָדלערלעך,
ווייל מיט אייך פאָרט דאָך ר׳ יאָסע,
וואָס פאַרמאָגט שוין אַ קאַראַסע.

געלויבט זאָל זיין באַראָן הירש
וואָס ער האָט פון טויגעניכטסן
ווי יאָסע, שמערל און בערל
געמאַכט פאַר אויסגעצייכנטע קאַראַסייראָס.

הערט אויס ברידערלעך,
כ׳וועל אייך זינגען לידעלעך,
פון קוואַטרא, אירמאַנסער יידעלעך,
ווי עס קען זיך בייטן
אין היינטיקע צייטן.

8) קוקורוזע, 9) פאַסאָליעס.

1931

# אין שפּיטאָל

## אַ מתּנה מיין חבר מאיר וועקסלער

אַ קראַנקער אין שפּיטאָל
ליג איך אַליין,
ווייט פון די ליבע —
נאָך ווייטער
פון מיין היים.

מיין קערפּער אין פלאַמען,
די נשמה אין בענקען,
די אויגן אין טרערן,
מיינע לופּצן אין בעטן;

ראַטעוועט ליבע מענטשן
ביז דער אָטעם איז נאָך אין מיר,
און ברענגט מיין געליבטער
די מתּנה מיינע קרעכצן
און אויען פאַר איר.

ווען מיינע שמערצלעכע אויען
וועלן צו מיין געליבטער דערגרייכן,
אפשר וועט מיר גרינגער ווערן
אין דער פרעמדער תּפיסה
צו שמאַכטן.

ווייל קיינער קען דאָ ניט
מיינע אויען פֿאַרשטיין.
ווייל פֿרעמד איז זיי מיין שפּראַך,
נאָך ווייטער — מיין געוויין.

װען די זונען שטראַלן
װערן אין מײנע אױגן פֿינצטער,
און מײנע אײגענע האָר פֿון קאָפּ
װערן פֿאַרװאַנדעלט אין שטעכנדיקע דערנער.

דאַן בעט איך אין מײן שפּראַך —
ה י ל ף!
בײ די פרעמדע באַדינער, קריג איך
"פּעלא אמאר דע דעוש.
נאן אמאלא"
װי גאָט איז דיר ליב, נודיע ניט.
דאָס איז מײן ענטפער.

נאָר דער שפּין
אין אַ ווינקל שפּינט
זיין שפּינוועב, — ער!
ער פלעכט אין מיינע אויגן
און הערט אויס מיין געבעט.

אָדער גאָר דער שוואַרצער שטן,
וואָס איז געקליידעט
אין טויט שרעק.
ער פרעסט מיינע לעבנס סעקונדעס
און אָט מאַכט ער
פון מיין לעבן אַן עק.

ווער עס האָט די וועלט פאַרשאָלטן
אין פאַרשיידענע שפּראַכן
צוטיילט
דער האָט מיין ייִדיש פאָלק
איבער דער גאַנצער וועלט פאַרשפּרייט.

איך בעט דיך, געליבטע מיינע,
העלף דעם קראַנקן
פאַרגרינגערן דעם ווייטיק
און ליידן
ווייל קיינער איז ניט געזיכערט
מיט זיין אייגענעם מאָרגן.

ביז וואַנעט מיין נשמה
האָט דעם לעצטן קרעכץ
געגעבן!
גלויב איך דיר, געליבטע,
אַז דו וועסט מיר זיכער
באפרייען
פון מיינע שמערצלעכע ליידן.

1935

## קעגן געמישטע חתונות

**1**

דו האָסט זיך מיר, אננא,
אין ליבע דערקלערט,
דערמיט האָסטו מיינע
געדאַנקען צעטומלט
און מיין אומשולדיקע
נשמה פאַרפירט.

מיט דער אויסערלעכער שיינקייט
פון ווענוס, זיינען מיינע אויגן
דורך דיר פאַר סמ ט געוואָרן,
און מיט דער קראַפט פון מעפיסטא
האָסטו מיין האַרץ דערוואָרבן.

2

אין יעצט בעטסטו ביי מיר, אננאַ,
איך זאָל דיר אַ ליד זינגען.
איך פאַרשטיי גוט, מיין געליבטע, דיין מיין,
וואָס דערפון וועט אין מיין לעבן גאָר ניט געשען.

ווייל צוריק מיט טויזנטער יאָר
האָט מען אונדז אין פאַרשיידענע נאַציעס צעטיילט,
און אונדזער גאָלדענע קייט
ציט זיך נאָך ביז איצט,
און קעגן דעם שטראָם קאָן איך ניט גיין.
דערפאַר קען פון אונדזער ליבע גאָר ניט געשען.

3

ווייל איך געדענק נאָך גוט
פון אַמאָל, ווי איר פלעגט
זיך אונדז אין ליבע דערקלערן
און מיר פלעגן אייך געטרויען און גלויבן
און אויף מאָרגן
פלעגט איר אונדז צום עשאפאט פאַרפירן.

אין יעצט וויל איך זיך פריער
גוט באַקלערן, צו איז כדאי צוליב דיר
פאַראַטן מיין פאָטער און מוטער,
שוועסטער און ברידער
און אַוועק צו דיר
און זיך ניט קענען אומקערן אויף ווידער.

ניין, ניין, דו האָסט
דאָס ניט די ווערט ,
אַז צוליב דיר זאָל איך אַזאַ פעלער באַגיין
און פאַרלאָזן מיין פאָלק און היים.
און די נאַרישקייט
וועל איך אין מיין לעבן ניט באַגיין.

איך וועל צווישן מיין
ידיש פאָלק מיין געליבטע זוכן,
וואָס איך וועל איר זיכער געפינען
און מיט מיין באַשערטער וועל איך מיין היים בויען
און מיט מיין גאַנצער פאַמיליע
צוזאַמען זיך פרייען.

1931

# אינהאַלט

## קינדער-לידער


בלימעלעך ........ 7
אַמעריקאַנער יידיש קינד ........ 8
יידיש קינד ........ 9
וואַנדערער ........ 10
לייבעלע ........ 11
משהלע ........ 12
יאַנקעלע ........ 13
יצחקל ........ 14


## משפּחה-לידער


מאַמע-חנה ........ 18
שוועסטער ........ 22


## דער משפּט


אין רחמים בדין ........ 30


## סאָציאַלע לידער


ים-געליבטע ........ 57
אַרבעטער-ליד ........ 58
דער בינשטאָק ........ 60
בראַדיאַגאַ-ליד ........ 66
די מוטער פאַרלאָזט ........ 69
דער פאַרראַטענער ........ 70
די פאַרפירטע ענטפערט ........ 73
מאָריס שוואַרץ ........ 80
וויקטאָר כענקין ........ 81
בערטא זינגערמאַן ........ 82
זאָאָלאָגישער גאָרטן ........ 83

## ראָמאַנטישע לידער

פערעלע ........ 95
ראָמאַנס ........ 96
דועט ........ 97
וואסער־פאַל ........ 101

## אין אָנדענק

צוויי שטערן ........ 105
ביים פרישן קבר ........ 108
אויסגעלאָשן ........ 110

## נאַציאָנאַלע לידער

התחיה ! התחיה ! ........ 113
מכבי מאַרש ........ 114
קליינטעלטשיק־ליד ........ 115
דער קאראסיירא ........ 116
אין שפיטאָל ........ 118
קעגן געמישטע חתונות ........ 123